**גאווערנער קעטי האקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/12/2022

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון נייע האסע און נייגונגען פארמיידונג איינהייט אין די סטעיט דיוויזיע פון מענטשן רעכטן**

***נייע יוניט וועט איינפירן א קאמפיין איבערן סטעיט שטופנדיג צו אננעמען, ארייננעמען טאלערירן און פארשטיין אנדערע ווי געפאדערט דורך געזעץ אונטערגעשריבן לעצטע חודש דורך גאווערנער האקול***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מענטשן רעכטן (Division of Human Rights, DHR) קומט ארויס מיט א האסע און נייגונגען פארמיידונג איינהייט (Hate and Bias Prevention Unit) וואס ווערט באאויפטראגט צו אנפירן באמיאונגען פון אויפקלערן און ארבעטן צוזאמען מיט די פובליק, דינענדיג אלץ א סיסטעם צו אויפכאפן פריע ווארענונגען אין לאקאלע קאמיוניטיס און זיך שנעלערהייט מאביליזירן צו שטיצן געגנטער און קאמיוניטיס אין וועלכע א נייגונג אינצידענט איז פארגעקומען. די האסע און נייגונגען פארמיידונג איינהייט עפנט זיך היינט.

"ניו יארק סטעיט וועט נוצן יעדע כלי וואס שטייט נאר צו איר האנט צו עלימינירן האסע און נייגונגען אין אונזערע קאמיוניטיס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר ווען נישט לאזן די אויפשטייג אין האסע אינצידענטן וואס מיר זעהען געשעהן אויף די אינטערנעט אריבער דאס לאנד און ארום די וועלט שלאגן ווארצלען ביי אונז אינדערהיים."

"מיר קענען נישט ערלויבן א מאנגל אין חינוך, מורא און האסע צו שעדיגן די געוואלדיגע מאס פון ארבעט וואס מיר האבן געטוהן צו רוקן אונזער סטעיט אויף פאראויס", **האט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניאָ דעלגאַדאָ געזאגט.** "די שותפות'ן וואס מיר בויען אין קאמיוניטיס און אריבער די סטעיט וועלן פארזיכערן דאס וואס מיר ווייסן צו זיין אמת — אז ליבשאפט באזיגט אייביג האס."

**דיוויזיע פון מענטשן רעכטן קאמישאנער, מאריא ל. אימפעריאל, האט געזאגט,** "יעדער איינער – אפגעזעהן פון וועלכע קאליר זייער הויט איז, וועם זיי האבן ליב אדער וואס זיי גלויבן – דארפן פילן זיכער ווען זיי גייען צום ארבעט, גייען טאנצן, ווען זיי גייען צו א רעליגיעזע פלאץ אדער ווען זיי שיקן אפ זייערע קינדער אין סקול. די נייע איינהייט וועט פאראויס שטופן אונזער מיסיע פון גלייכע גלעגנהייט, צוטריט און כבוד הבריות ארום אונזער גאנצע סטעיט."

אלץ טייל פון די נייע איינהייט'ס אויפגאבע, ארגאניזירט די דיוויזיע 10 ראיאנישע קאונסיל אריבער די סטעיט וואס באשטייען פון לאקאלע פארמישטע פארטייען. די קאונסילס וועלן צושטעלן א פלאץ פאר קאמיוניטי מיטגלידער צו מיטטיילן זארגן, ארגאניזירן חינוך'דיגע פראגראמען, אפהאלטן האסן פארברעכן פארמיידונג און קאמיוניטי היילונג געשעענישן, דורכפירן טרענירונגען אין לייזונגען פון קאנפליקטן און פארגרינגערן ארייַנצוגעבן קאמפלעינטס צו די דיוויזיע און צו אנדערע רעלעוואנטע אגענטורן. די איינהייט

וועט אויך אנטוויקלען א שנעלע אפרופונג מאנשאפט צו ארויסהעלפן קאמיוניטיס וועלכע ווערן באטראפן דורך א האסן פארברעכן.

די האסע און נייגונגען פארמיידונג יוניט וועט אויך זיין פאראנטווארטליך צו אויפשטעלן און איינפירן א קאמפיין איבערן סטעיט צו שטופן דערפאר אז מענטשן זאלן אננעמען, ארייננעמען, טאלערירן און פארשטיין פארשידנארטיגע מענטשן, ווי געפאדערט דורך א געזעץ וואס איז אונטערגעשריבן געווארן דורך גאווערנער האקול לעצטע חודש. דער קאמפיין וועט קאארדינירן און קאאפערירן מיט פובליק און פריוואטע ארגאניזאציעס ארייננרעכנענדיג צווישן אנדערע ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן, קאמיוניטי גרופעס, סקול דיסטריקטס, געבעט הייזער, וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס און פאַונדעישענס, און עס וועט אנטוויקלען לערנען מאטעריאלן וועלכע וועלן פארעפנטליכט ווערן אויף די אינטערנעט, סאושעל מידיע און אנדערע פלאטפארמעס צו אנקומען צו די פובליק. די דיוויזיע ארבעט אויך מיט די ניו יארק סטעיט פאליציי צו אויפקלערן ניו יארקער איבער די סטעיט'ס האסן פארברעכן געזעצן.

די היינטיגע אנאנס בויט אויף גאווערנער האקול'ס לאנגיאריגע איבערגעגעבנקייט צו באקעמפן האסע און געוואלדטאטן ארום די סטעיט. די גאווערנער האט אנאנסירט 96 מיליאן דאלאר אין סטעיט און פעדעראלע געלטער צו באשיצן נאָן-פראָפיט, קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס וועלכע זענען אין סכנה פון האסן פארברעכנס און אטאקעס; 10 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג דורך דעם פארזיכערן פרויען געזונטהייט צענטערן פראגראם (Securing Reproductive Health Centers Program) צו פארמערן זיכערהייט פון פאציענטן און ארבייטער ביי פרויען געזונטהייט העלט קעיר צענטערן און ביי אבארשען סערוויסעס פראָווײַדערס וועלכע קענען מעגליך זיין אין סכנה פון פארברעכנס אדער אטאקעס צוליב זייער מיסיע, סערוויסעס, אידעאלאגיע אדער ווירדן; און זי האט אוועקגעשטעלט אין די סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services) אן אין-לאנדישע טעראריזם פארמיידונג איינהייט ( Domestic Terrorism Prevention Unit) און זי האט געשיקט 10 מיליאן דאלאר אין סטעיט גרענט געלטער צו שטיצן קאונטי רעגירונגען ביים אנטוויקלען זייערע אייגענע אין-לאנדישע טעראריזם פארמיידונג פלענער און סכנה אפשאצונג און פארוואלטונג מאנשאפטן נאכפאלגנדיג די שרעקליכע ווייסע ראסיסטישע אטאקע ביי די Tups מארקעט אין באפעלאו.

די דיוויזיע פארשט אויס יערליך מער פון 5,000 קאמפלעינטס פון דיסקרימינאציע פון מענטשן ארום די סטעיט. די אגענטור האט אויך די אויטאריטעט צו עפענען פארשונגען און ארייננגעבן קאמפּלעינטס אנגעבנדיג פארלעצונגען פון די סטעיט'ס אנטי-דיסקרימינאציע געזעצן, און לעצטע יאר האט די דיוויזיע פארזיכערט מער פון 6.2 מיליאן דאלאר אין געלט פארגוטיגונגען פאר מענטשן וועלכע זענען אריבער דיסקרימינאציע. די דיוויזיע ארבעט אויך מיט די ניו יארק סטעיט פאליציי צו אויפקלערן ניו יארקער איבער די סטעיט'ס האסן פארברעכן געזעצן.

ניו יארק שטאלצירט זיך מיט'ן אויסצייכענונג פון זיין דעם ערשטן סטעיט אין דעם לאנד איינצופירן א מענטשן רעכטן געזעץ, אויף צוזושטעלן פאר יעדן בירגער ״א גלייכע געלעגנהייט צו געניסן פון א פולקאם און פראדוקטיוון לעבן.״ די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון מענטשן רעכטן איז געווידמעט צו עלימינירן דיסקרימינאציע, צו פארערכטן אומרעכטן און צו שטופן פאר גלייכבארעכטיגע געלעגנהייטן, צוטריט און כבוד הבריות דורך אינפארסירן דעם מענטשן רעכטן געזעץ (Human Rights Law). מענטשן וועלכע זענען אינטערעסירט צו טרעפן מער אינפארמאציע אדער ארייננצוגעבן א קאמפּלעינט קענען באזוכן די DHR וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418